Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Dos karge baḥur'l miṭ nokh fiyer naye folḳs lieder

Linetzky, Isaac Joel

Ṿarsha, 662 = 1902

דאָס קאַרגְעֶ בָּחוּר'ל

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12853

Visual Library

# דָאס קַארְגֶע בָּחוּר'ל

## 1

בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מַיין עֶרְשְׁטֶען פֶּערְשְׁטַאנְד
איך דֶערְזֶעהְן אַז דֶער עִיקָר אִיז נוּר גֶעלְד,
ף נָאר הַאלְטֶען פֶערמַאכְט דִיא הַאנְד
יט קוּקֶען אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.
ף .קיין צִירוּנְג, קיין קְלֵיידֶער,
עם קָאנן מֶען אוֹיךְ לֶעבֶּען;
י הַאנְד פֶערְמַאכֶען כְּסֵדֶר
שַׁדְכָן קיין גְרָאשֶׁען נִיט גֶעבֶּען.
פַאר אַצְוֶועק קָאנְן אִיךְ גֶענִיסֶען
ווֶעל מִיךְ שְׁטַאטְנֶע פִיהְרֶען,
ט דָאךְ אַלְט, עֶס וֶוערְדְט צוּרִיסֶען
ן קאנן חָלִילָה דֶעם קַאפִּיטַאל אִיבֶּערְפִיהְרֶען,
אַייךְ אַלֶעם מוֹחֵל,
אִיז אַ קְלוּגֶער שֵׂכֶל.
דַארְף מִיךְ קַשְׁיוֹת פְרֶעגֶען
ם בַּיי מִיר אֵיין זַאךְ
ף נוּר גֶעלְד אַ סַךְ
אַרְף נוּר הִיטֶען מַיין פֶערְמֶעגֶען.
בֶּעסֶער פוּן עֶסֶען,
בֶּעסֶער פוּן טְרִינְקֶען
ער פוּן אַלֶע זַאכֶען אִין דִי וֶועלְט,

עס איז בעסער פון שטרודעל
עס איז בעסער פון לעקאך
אוי געוואלד! אוי געוואלד! וואו נעהמט מען געלד
איך לעב דאך פיין
גאר שאן
אוי וואו נעהמט מען געלד (ב"ס)

2

חתונה האבען איז אשאד די צייט
עס איז פאר מיר אגאנצער קלאפאט.
מען דארף דאס אוועקלייגען אן דער זייט
דען, עס קאסט אב געלד אהן ראסטשאט.
שמשים, כלי-זמרים און בדחנים
עס הויבט זיך אן אנייע וועלט,
היינט די חתונה אליין מיט די חזנים
קאסט אב אזוי פיעל געלד...
קינדבעט, די קינדער
עס קאסט יעדער זאך בעזונדער
עס קאן גאר די הויט ניט סטייען
לעהרער, מלמדים אלערליי
דאקטוירים און פעלשער פאר זיי
צוא וואס דעם קאפ זיך פערדרעהען?
איך וועל מיך בעשליסען
די וועלט זאלל פון מיר ניט וויססען
איך וועל ניט זיין אזא שוטה ווי די גאנצע וועלט

איך בין שוין פרייער
עס קאסט מיך קיין מאל קיין דרייער
עס ווערט נור פארגראסערט מיין געלד .:.
עס איז בעסער פון בארשט ,
עס איז בעסער פון געבראטענע באגיע-קערן
בעסער פון אללע זאכען אין די וועלט
עס איז בעסער ווי שפיצען ,
עס איז בעסער פון וויצען .
אוי געוואלד ! אוי געוואלד ! וואו נעמט מען געלד ?
איך לעב דאך פיין
גאר שאן
אוי גוואו נעהמט מען געלד ? (ב״ם) .

### 3

איך וואלט שוין אפשר חתונה געהאט
עס זאל זיך מיר מאכען אפארטיי ווי איך פארשטעה
קעסט אונ דירה זאל זיין צוא דער זאטט
דערצו א שענע אונ געזונדע פרוי .
האלץ אונ קעסט
פון אללעם בעסט
זאלל זיין אויף דעם שווער׳ס קאסט .
דאס ווייב מיט דיא קינדער
אללע אין איינעם אונ יעדער בעזונדער
זאללעו זיך לעבען גאר פראסט .

דיא איינע זאך
וואלט זיין גלייך
אז דער שווער זאלל מיר דיא ירושה אבשרייבען
דאס וואלט איך וואללען
איך וואלט פון דעם אנקוואללען
אז זיין פערמעגען זאל ביי מיר בלייבען.
איך וועל מיך שוין ניט דינגען
דיא וועלט מעג שוין מיט מיר קלינגען
איך וועל מיר לעבען פראסט אויף דיא וועלט:
אזא ווייב איז גוט אז מען קריגט
מען קאנן לעבען מיט איר פערגניגט
ניט מיט איהר, נור מיט דעם געלד...
עס איז בעסער פון חרוסת
עס איז בעסער פון האניג
בעסער פון אללע זאכען אין דיא וועלט!
בעסער וויא ראזינקעס
בעסער וויא מאנדלען
אוי געוואלד! אוי געוואלד! וואו נעהמט מען געלד
איך לעב דאך פיין
גאר שאן
אוי וואו נעהמט מען געלד? (כיס)

———